# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי שמעיה לעוו שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת בלק

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'

020 81917000

[ex3,1.11.1]

שגיאות מי יבין אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע למו"ל
למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: **א. י. גרינוואלד**
054-8494370

# תוכן הענינים

## דֶער הַארְבְּקַייט פוּן מַחֲלֹקֶת


מַחֲלֹקֶת אִיז עֶרְגֶער פוּן עֲבוֹדָה זָרָה ........ ה

דֶער טָאג פוּן מַחֲלֹקֶת אִיז נִישְׁט אַרָאפּ מָן ........ ו

נָאר אֵיינֶער וָואס הָאט עֲנָוָה קֶען זַיין אַ מֶלֶךְ ........ ז

קֹרַח אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז עֶר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עָנָיו ........ ח

קֹרַח הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ לֵוִי גָדוֹל אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דָא כֹּהֵן גָדוֹל ........ ח

דִי זוּהְן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שֵׁיינֶען וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען מַחֲלֹקֶת ........ ט

בִּזְכוּת חַנָּה מִיט שְׁמוּאֵל הָאט קֹרַח אוֹיפְגֶעהֶערְט זִינְקֶען טִיפֶער אִין עֶרְד ........ יא

אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען בְּתַכְלִית הַשְׁלֵימוּת ........ יב

# פָּרָשַׁת בָּלָק

## דֶער הַארְבְּקַייט פוּן מַחֲלֹקֶת

☆ מַחֲלֹקֶת אִיז עֶרְגֶער פוּן עֲבוֹדָה זָרָה ☆ דֶער טָאג פוּן מַחֲלֹקֶת אִיז נִישְׁט אַרָאפּ מָן ☆ נָאר אֵיינֶער וָואס הָאט עֲנָוָה קֶען זַיין אַ מֶלֶךְ ☆ קֹרַח אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז עֶר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עָנָיו ☆ קֹרַח הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ לֵוִי גָדוֹל אַזוֹי וִוי ס'אִיז דָא כֹּהֵן גָדוֹל ☆ דִי זוּהְן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שַׁיינֶען וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען מַחֲלֹקֶת ☆ בִּזְכוּת חַנָּה מִיט שְׁמוּאֵל הָאט קֹרַח אוֹיפְגֶעהֶערְט זִינְקֶען טִיפֶער אִין עֶרְד ☆ אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵימוּת

**דִי** וֶועלְט זָאגְט אַז "בָּלָק" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אָהַבְתָּ לְ'רֵעֲךָ כָּ'מוֹךָ, אוּן דִי אוֹת ל' שְׁטִימְט נִישְׁט, צוּ וֵוייזְן אַז מְ'דַארְף לִיבּ הָאבְּן אַיֶעדֶע יִיד אֲפִילוּ עֶר שְׁטִימְט נִישְׁט מִיט מִיר, וֶועלְן מִיר רֶעדְן וֶועגֶען דִי עִנְיָן פוּן בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, אוּן בִּפְרָט אַז זוּנְטָאג הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי דְרַיי וָואכְן וָואס יִידְן קְלָאגְן אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס כַּיָּדוּעַ אִיז עֶס חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיבּ שִׂנְאַת חִנָּם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

### מַחֲלֹקֶת אִיז עֶרְגֶער פוּן עֲבוֹדָה זָרָה

**אִין** שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ (שער האותיות אות בי"ת – בריות)[א] שְׁטֵייט אַז מַחֲלֹקֶת אִיז הַארְבֶּער וִוי עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע שְׁטֵייט אִין לִיקוּטֵי חָבֵר בֶּן חַיִּים אוּן נָאךְ, אוּן אִין חֲתַם סוֹפֵר שְׁרֵייבְּט עֶר, אַז בַּיי דֶעם חֵטְא הָעֶגֶל שְׁטֵייט (שמות לב, ג-ה) וַיִּתְפָּרְקוּ כָּל הָעָם אֶת נִזְמֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר בְּאָזְנֵיהֶם וַיָּבִיאוּ אֶל אַהֲרֹן וַיִּקַּח מִיָּדָם וַיָּצַר אֹתוֹ בַּחֶרֶט וַיַּעֲשֵׂהוּ עֵגֶל מַסֵּכָה וַיֹּאמְרוּ אֵלֶּה אֱלֹקֶיךָ

---

**א.** די לשון פון די של"ה הקדוש איז, ואם חס ושלום חבירך עשה לך איזה רעה, מחול לו מיד, כי אתה צריך לאהוב אותו כנפשך, ומה נפשך אם יד אחת הוכה מחברתה, כי נשל הברזל, וכי תחזור היד ונוקמת בראשונה כמוזכר לעיל (אות ה), ותאמר בלבך, מה' היתה זאת לך, כי כל מה שיארע לאדם הוא שליחות מהקדוש ברוך הוא לאיזה עונש, גם תדינהו לכף זכות, ומכל שכן שלא תתקוטט, **כי הרעה הגדולה שבעולם היא המחלוקת, שהיא קשה מעבודה זרה**, כמו שאמרו רבותינו ז"ל (ויקרא רבה פכ"ו ס"ב; במדבר רבה פי"ט ס"ב; דברים רבה פ"ה ס"י), דורו של אחאב היו מנצחים במלחמותיהן אף שהיו עובדי עבודה זרה, מפני שהיה חיבור ושלום ביניהם, ודורו של שאול היו מנוצחים במלחמה, אף על פי שלא היה בהם חטא, מפני שהיו דילטורין מחרחרי ריב ביניהם. וסוד הענין, כמבואר לעיל (אות ב) בהגה"ה, כי אנחנו כנסת ישראל מיוחדים בסוד האחד האמיתי, וכשיש מחלוקת אז חס ושלום יש חלוקה ופירוד למעלה וקיצוץ בנטיעות.

יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם וַיַּרְא אַהֲרֹן וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ לְפָנָיו וַיִּקְרָא אַהֲרֹן וַיֹּאמַר חַג לַה' מָחָר', פְרֶעגְט דֶער חֲתַם סוֹפֵר ווי אַזוֹי הָאט אַהֲרֹן גֶעמֶעגְט מַאכְן דֶעם עֵגֶל, עֲבוֹדָה זָרָה אִיז דָאךְ פוּן דִי דְרַייא עֲבֵירוֹת חֲמוּרוֹת, ווָאס ס'שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם יֵהָרֵג וּבַל יַעֲבוֹר, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט אִין הִלְכוֹת יְסוֹדֵי הַתּוֹרָה (פ"ה) וְכָל מִי שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ יֵהָרֵג וְאַל יַעֲבוֹר וְעָבַר, וְלֹא נֶהֱרַג, הֲרֵי זֶה מְחַלֵּל אֶת הַשֵּׁם, וְאִם הָיָה בַּעֲשָׂרָה מִיִּשְׂרָאֵל הֲרֵי זֶה חִלֵּל אֶת הַשֵּׁם בָּרַבִּים, וּבִטֵּל מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁהִיא קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, וְעָבַר עַל מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, שֶׁהִיא חִלּוּל הַשֵּׁם, [אוּן אֲפִילוּ אַז אַהֲרֹן אִיז גֶעווֶען בּוֹשׁ מִיט'ן עֵגֶל מִיט אַלֶעם ווי אַזוֹי הָאט עֶר דָאס גֶעמֶעגְט מַאכְן]?

**עֶנְטְפֶערְט** דֶער חֲתַם סוֹפֵר: - **אַז כְּדֵי צוּ נִיצוֹל ווֶערְן פוּן מַחֲלֹקֶת - מֶעג מֶען עוֹבֵר זַיין אוֹיף עֲבוֹדָה זָרָה** - ווַייל ווֶען אַהֲרֹן ווָאלְט נִישְׁט גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל, ווָאלְט גֶעווָארְן שְׁטַארְקֶער אוּן שְׁווֶערֶער דֶעם מַחֲלֹקֶת אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן ס'ווָאלְט גֶעווָארְן צְווֵיי קְבוּצוֹת אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל - אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ווָאלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּהַאלְטְן דִי מַחֲלֹקֶת, אַזוֹי ווי רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט בַּיי קֹרַח (במדבר טז, ד) בְּמַחְלוֹקְתּוֹ שֶׁל קֹרַח **נִתְרַשְּׁלוּ יָדָיו**[ב], **אוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם ווָאס אַהֲרֹן הָאט גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל דוּרְךְ דֶעם הָאט אַהֲרֹן מַשְׁכִּין גֶעווֶען שָׁלוֹם צְווִישְׁן יִידְן**, אוּן טַאקֶע גְלַייךְ נָאךְ ווָאס ס'אִיז גֶעווָארְן שָׁלוֹם, הָאט מֹשֶׁה גְלַייךְ גֶענוּמֶען דֶעם עֵגֶל, אוּן דָאס פַארְבְּרֶענְט אוּן צוּרִיבְּן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ, ווי ס'שְׁטֵייט (שמות לב, כ) וַיִּקַּח אֶת הָעֵגֶל אֲשֶׁר עָשׂוּ וַיִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ וַיִּטְחַן עַד אֲשֶׁר דָּק וַיִּזֶר עַל פְּנֵי הַמָּיִם.

## דֶער טָאג פוּן מַחֲלֹקֶת
## אִיז נִישְׁט אַרָאפּ מָן

**אִין** שֵׁבֶט מוּסָר (פרק לז אות כב) בְּרֶענְגְט עֶר פוּן חֲזַ"ל אַז אִין דֶעם טָאג ווָאס קֹרַח הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יֶענֶעם טָאג נִישְׁט אַרָאפּ קַיין מָן[ג]!!! אוּן אִין מִדְרָשׁ רַבָּה (שמות רבה פרשה מ"א) שְׁטֵייט אַז

**ב.** די מקור איז פון מדרש תנחומא (פרשת קרח סי' ט') ויקהל עליהם קרח (במדבר טז, יט). אמר להם, כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה' (שם פסוק ג'), וכולם שמעו בסיני אנכי ה' אלהיך, ומדוע תתנשאו, מיד נזדעזע משה, לפי שכבר היה סורחן רביעי בידם, משל לבן מלך שסרח על אביו, ופייס עליו אוהבו פעם שתים ושלש, כשסרח רביעית נתרשלו ידי אוהבו של מלך, אמר כמה פעמים אטריח על המלך, אף כן משה, חטאו בעגל, ויחל משה (שמות לב, יא), במתאוננים ויתפלל משה אל ה' (במדבר יא, ב), במרגלים ויאמר משה אל ה' וגו', ושמעו מצרים וגו' (במדבר יד, ג), במחלוקתו של קרח נתרשלו ידיו, אמר כמה אוכל להטריח לפני המקום, לפיכך וישמע משה ויפל על פניו (במדבר טז, ד).

**ג.** די וועלט זאגט א ווערטל, ביי קרח שטייט אז די מן איז געפאלן נאנט צום טיהר פון זיין שטוב, ווייל קרח איז געווען אין אנהייב א צדיק, – אבער פון ווען ער האט אנגעהויבן זיך צו קריגן מיט משה איז ער געווארן – פארקערט פון א צדיק – און פון יענעם טאג האט די מן אנגעהויבן פאלן ווייט פון זיין שטוב, זענען מענטשן געקומען צו קרח'ן און איהם געזאגט עס מוז זיין אז משה איז גערעכט, און דו נישט, ווייל דו ביסט נישט קיין צדיק, והראיה אז

בַּיי דֶער טָאג פוּן עֶגֶל אִיז יָא אַרָאפּ מָן!![ד] אִיז דֶער שֵׁבֶט מוּסָר מַסְבִּיר דֶעם חִילוּק, **אַז מַחֲלֹקֶת אִיז עֶרְגֶער ווִי עֲבוֹדָה זָרָה!!** ווייל אוֹיף עֲבוֹדָה זָרָה אוּן נָאךְ עֲבֵירוֹת טוּהְט מֶען תְּשׁוּבָה – אָבֶּער אוֹיף מַחֲלֹקֶת טוּהְט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט תְּשׁוּבָה, ווייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס מַאכְט מַחֲלֹקֶת'ן אִיז זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז ס'אִיז נִישְׁט קֵיין עֲבֵירָה – נָאר ס'אִיז אַ 'מִצְוָה', עֶר מֵיינְט נָאךְ אַז ס'אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם – דֶערִיבֶּער אִיז דָאס עֶרְגֶער ווִי עֲבוֹדָה זָרָה.

**דָאס** אַלֶעס אִיז פַּאר אוּנְז אַ לִימוּד צוּ ווִיסְן, ווִי הַארְבּ עֶס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן מַחֲלֹקֶת, נָאךְ אַ סַאךְ עֶרְגֶער ווִי עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן **עַד כְּדֵי כָּךְ אַז אַהֲרֹן הָאט גֶעמֶעגְט מַאכְן דִי עֶגֶל כְּדֵי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן יִידְן!!!** אוּן בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה זֶעהְט מֶען אַז אֲפִילוּ דֶער שְׁוַואכְסְטֶער יִיד וֶועט זַיין גְרֵייט צוּ אַרַיין טַאנְצְן אִין פַייעֶר, אוּן נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶּער בַּיי מַחֲלֹקֶת זֶעהְט מֶען דָאס נִישְׁט, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז **אַז אוֹיף מַחֲלֹקֶת דַארְף מֶען אַ וַדַּאי אַרַיין טַאנְצְן אִין פַייעֶר אוּן נִישְׁט עוֹבֵר זַיין!**[ה] ווייל מַחֲלֹקֶת אִיז עֶרְגֶער ווִי עֲבוֹדָה זָרָה.

## נָאר אֵיינֶער וָואס הָאט עֲנָוָה קֶען זַיין אַ מֶלֶךְ

**שְׁטֵייט** אוֹיךְ אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי טָעוּת פוּן קֹרַח, ווייל ס'שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (יומא כב:)

---

די מן פאלט ווייט פון דיין שטוב, (וויל ס'שטייט אז דורך די מן האט מען אלעס געקענט זעהן!) האט קרח זיי געענטפערט ווייסט איהר פארוואס די מן איז געפאלן אזוי ווייט פון מיין שטוב, ווייל מיר האבן זיך נישט געקריגט גענוג!!! ווייל אונזער קריג איז דאך לשם שמים!!! אזוי שטארק איז געווען עינו הטעתו.

**ד.** אנשי כנסת הגדולה עמדו ופרשו אותה (נחמיה ט, יח) 'אף כי עשו להם עגל מסכה ויאמרו זה אלהיך אשר העלך ממצרים ויעשו נאצות גדלות' חסר כלום מהו 'ויעשו נאצות גדלות'? חירופין וגידופין שהיו שם, ואחר כל מה שעשו לא היה המן צריך לירד אלא מה כתיב (שם, כ) ומנך לא מנעת מפיהם, הוי (דניאל ט, ז) 'לך אדני הצדקה ולנו בשת הפנים'.

**ה.** ס'איז באוויסט אויף ר' יוסף יואל הורביץ דער אלטער פון נובהרדוק, אז ער האט א סאך געטוהן פאר יידישקייט, ער האט געבויעט 30 אדער 40 ישיבות תלמודי תורה כוללים, און אויך פאר יתומים האט ער א סאך געהאלפן, און אין דייטשלאנד און אין רוסלאנד, איז די גאנצע יידישקייט געווען בזכותו, און איין מאהל האט איינער א גרויסער עושר אין דייטשלאנד געלאזט א צוואה, צו געבן געלט אויף צו בויען א בנין פאר דער ר' יוסף יואל הורביץ, איז ער ארויס געפארן פון רוסלאנד צו דייטשלאנד נעמען די געלט צו בויען מיט די געלט ישיבות, ווען ער איז געפארן מיט די באן, האט ער אינמיטן וועג געזען נאך א ייד, און ער האט אנגעהויבן צו שמועסן מיט איהם, זאגט איהם דער ייד אז ער איז אויך א נובהארדקער און ער הייסט אויך יוסף יואל, און ער פארט אויך צו נעמען די געלט פון דער עושר, גלייך ווען ר' יוסף יואל האט דאס געהערט איז ער גלייך אראפ פון באן און צוריק געפארן די גאנצע וועג, און מוותר געווען אויף די גאנצע געלט, נאר נישט אריין גיין אין מחלוקת!!!

**אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר שְׁמוּאֵל, מִפְּנֵי מַה לֹא נִמְשְׁכָה מַלְכוּת בֵּית שָׁאוּל - מִפְּנֵי שֶׁלֹּא הָיָה בּוֹ שׁוּם דּוֹפִי.** פַארְוָואס הָאט שָׁאוּל פַארְלוֹירְן דִי מְלוּכָה, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט חָשׁוּבֶ'ע יִחוּס, **דְּאָמַר רַבִּי יוֹחָנָן מִשּׁוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יְהוֹצָדָק אֵין מַעֲמִידִין פַּרְנָס עַל הַצִּיבּוּר אֶלָּא אִם כֵּן קוּפָּה שֶׁל שְׁרָצִים תְּלוּיָה לוֹ מֵאֲחוֹרָיו, שֶׁאִם תָּזוּחַ דַּעְתּוֹ עָלָיו אוֹמְרִין לוֹ חֲזוֹר לַאֲחוֹרֶיךָ**, אַ מֶלֶךְ מוּז הָאבְּן אַ פְּגַם אִין יִחוּס, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס הַאלְטְן, - אוּן וֶועגֶען דֶעם, אִיז דָּוִד הַמֶּלֶךְ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם יִחוּס מִשְׁפָּחָה, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אוּנְטֶער זִיךְ אַ קוּפָּה פוּן שְׁרָצִים, עֶר הָאט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶועווען צוּ זַיין מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל – וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין יִחוּס, אִיז בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר הָאבְּן אַ בִּיטוּל צוּ השי"ת, וִוי סְ'שְׁטֵייט בַּיי דָּוִד הַמֶּלֶךְ (תהלים קלא, א) **'לֹא גָבַהּ לִבִּי וְלֹא רָמוּ עֵינַי'** עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלֵיין, וֶועגֶען דֶעם אִיז עֶר גֶעוֶועווען רָאוּי לִמְלוּכָה! אוּן דָאס אִיז גֶעוֶועווען דֶער טָעוּת פוּן קֹרַח, זַיין חָשׁוּבֶ'ע יִחוּס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען, אִיז גָאר גֶעוֶועווען אַ סִיבָּה עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען זַיין גְרוֹיס, אוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא הָאט יָא גֶעקֶענְט זַיין גְרוֹיס, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אוּנְטֶער זִיךְ דִי קוּפָּה שֶׁל שְׁרָצִים! – פוּן זַיין זֵיידֶע קֹרַח!

## קֹרַח אִיז גֶעוֶועווען זִיכֶער אַז עֶר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עָנָיו

**אוּן** מֶען זֶעהְט אַז קֹרַח אַלֵיין הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ מֶלֶךְ טָאר זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס הַאלְטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה', אוּן דֶער רֶבִּי ר' הֶענִיךְ פוּן אֲלֶכְּסַנְדֶר פְרֶעגְט, וִוי אַזוֹי הָאט עֶר דָאס גֶעקֶענְט זָאגְן, וֶוען דִי תּוֹרָה אַלֵיין אִיז מֵעִיד אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (במדבר יב, ג) **'וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה'**? נָאר וָואס דֶען קֹרַח אִיז גֶעוֶועווען זִיכֶער אַז דָאס וָואס סְ'שְׁטֵייט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מֵיינְט אִיהְם אַלֵיין, אוּן וִוי סְ'שְׁטֵייט אַז יֶעדֶער תַּלְמִיד חָכָם הֵייסְט מֹשֶׁה, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז עֶר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עָנָיו, אוּן צוּ מֹשֶׁה הָאט עֶר גֶע'טַעֲנָה'ט 'מַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה'', אַזוֹי וַוייט קֶען מַחֲלֹקֶת פַארְדְרֵייעֶן דִי שֵׂכֶל הַיָּשָׁר פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

## קֹרַח הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ לֵוִי גָּדוֹל אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דָא כֹּהֵן גָּדוֹל

**אִין** סֵפֶר אֵם כָּל חָי (אִין עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת[ו]) שְׁטֵייט אַז קֹרַח עֵינוֹ הִטְעַתּוֹ וַוייל עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דָא אַ כֹּהֵן גָּדוֹל אַזוֹי דַארְף אוֹיךְ זַיין אַ 'לֵוִי גָדוֹל', אוּן וַוייל קֹרַח אִיז פוּן לֵוִי, דַארְף עֶר זַיין דֶער לֵוִי גָּדוֹל, אוּן בֶּאֱמֶת וֶוען קֹרַח וָואלְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט מִיט מֹשֶׁה, וָואלְט עֶר גֶעוֶועווען אַ לֵוִי גָּדוֹל, נָאר צוּלִיבּ דִי מַחֲלֹקֶת מִיט מֹשֶׁה, הָאט עֶר פַארְלוֹירְן דִי לְוִיָּה, אוּן סְ'אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן דֶער לְוִיָּה גְּדוֹלָה, אוּן דָאס אִיז לָקַח מֶקַח רַע לְעַצְמוֹ, אַזוֹי שְׁטַארְק בִּיז עֶר הָאט כּוֹפֵר גֶעוֶועווען בְּעִיקָּר[ז] אוּן וִוי דֶער בְּרִיסְקֶער רַב שְׁרַייבְּט אַז עֶר

---

**ו.** פון דער הייליגער רמ"ע מפאנו זיע"א.

**ז.** אין ספר מנחם ציון שרייבט א תלמיד פון דער רבי ר' מענדלי רימאנובער זיע"א אז קרח וואלט געקענט זיין משיח, ווי ס'איז באוויסט אז ווען משיח וועט קומען, וועט ער מיט זיין

הָאט כּוֹפֵר גֶעוֶוען אִין עִיקָר פוּן אֲנִי מַאֲמִין וִוי עֶס שְׁטֵייט אַז מֹשֶׁה אִיז אַב כָּל הַנְּבִיאִים אוּן מְ'קֶען נִישְׁט זַיין וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן אַז מֹשֶׁה בְּרֶענְגְט דִי תּוֹרָה מִסִּינַי אוּן נִישְׁט פוּן זִיךְ.

## דִי זוּהְן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שֵׁיינֶען וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען מַחֲלֹקֶת

**אִין** גְּמָרָא סַנְהֶדְרִין (קי.) שְׁטֵייט, **אָמַר רָבָא: מַאי דִּכְתִיב** (חבקוק ג, יא) **'שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ', מְלַמֵּד שֶׁעָלוּ שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ לִזְבוּל, אָמְרוּ לְפָנָיו: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם: אִם אַתָּה עוֹשֶׂה דִּין לְבֶן עַמְרָם - נֵצֵא, וְאִם לָאו - לֹא נֵצֵא,** דֶער טָאג וָואס קֹרַח הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט מֹשֶׁה, אִיז דִי זוּהְן נִישְׁט אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען, דִי זוּהְן אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן דִי הִימְל וָואס הֵייסְט רָקִיעַ, זִיבְּן הִימְלֶן בִּיז דִי הִימְל וָואס הֵייסְט זְבוּל!! אוּן דִי זוּהְן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שֵׁיינֶען, בִּיז דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאט אִיהְר גֶעזָאגְט אַז זִי מוּז שֵׁיינֶען, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְפוּן אִיז אַזוֹי וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין מַסֶּכֶת אָבוֹת (פ"א מי"ח) עַל שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים הָעוֹלָם עוֹמֵד עַל הַדִּין וְעַל הָאֱמֶת וְעַל "הַשָּׁלוֹם", אוּן אוֹיבּ ס'אִיז חס וְשָׁלוֹם נִישְׁט דָא קַיין שָׁלוֹם, וֶוערְט בָּטֵל דִי גַאנְצֶע קִיּוּם פוּן דִי וֶועלְט.

**אוּן** ס'שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ (בראשית רבה פרשה ח) **שָׁלוֹם אוֹמֵר אַל יִבְּרָא דְּכוּלֵיהּ קְטָטָה,** וֶוען הַשי"ת הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי מִידָּה פוּן 'שָׁלוֹם', אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, וַוייל דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט 'קְטָטָא' מִיט מַחֲלֹקֶת, מִיט קְרִיגֶערַייעֶן, הָאט אִיהְר דֶער בַּאשֶׁעפֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיבּ אַזוֹי וֶועל אִיךְ בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט מִיט 'אֱמֶת', וַוייל אוֹיבּ אַ יִיד גֵייט מִיט אֱמֶת, אִיז נִישְׁט שַׁייךְ ס'זָאל זַיין קְטָטָא, מַחֲלֹקֶת, וַוייל מַחֲלֹקֶת קוּמְט נָאר מִיט שֶׁקֶר!

**ס'שְׁטֵייט** פוּן בֶּעלְזֶער רָב (הרה"ק ר' יִשָּׂכָר דֹּב בְּשֵׁם זַיין טַאטְן הרה"ק ר' יְהוֹשֻׁעַ זצוק"ל), ס'אִיז יָדוּעַ אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער אַב הָרַחֲמָן אוּן שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִי יִידְן, אוּן אַזוֹי וִוי ס'שְׁטֵייט וֶוען דִי יִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֵגֶל, (שמות לב, לב) **'וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ',** עֶר אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ אִינְגַאנְצְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט עֶר זִיךְ אַלֶעמָאל אָנְגֶענוּמֶען פַאר דִי יִידְן, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, אוּן פַארְוָואס דַוְקָא דָא בַּיי קֹרַח הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט פַארְקֶערְט, אַזוֹי וִוי ס'שְׁטֵייט (במדבר טז, טו) **'וַיֹּאמֶר אֶל ד' אַל תֵּפֶן אֶל־מִנְחָתָם',** עֶר הָאט גָאר גֶעבֶּעטְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי נִישְׁט מוֹחֵל זַיין, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר עֶר הָאט אוֹיךְ אוֹיסְגֶעוֶועלְט פַאר זֵיי אַ הַארְבֶּע עוֹנֶשׁ, וִוי ס'שְׁטֵייט (שם פסוק ל') אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט, 'וְאִם בְּרִיאָה יִבְרָא

---

גרויסן כח, געבן איין טראכט צו מאכן קיבוץ גלויות, און אלע יידן וועלן זיך צוזאמקומען אין איין רגע, ווייל זיין נשמה איז א נשמה וואס איז כולל גאנץ כלל ישראל, און אזוי אויך קרח האט געהאט דעם זעלבן כח, ווי מ'זעט אין פרשת קרח אז קרח האט צוזאמקומען מיט איין מינוט אלע 250 ראשי סנהדראות, און די סיבה וואס ער איז געפאלן איז נאר ווייל ער האט נישט געהאט ביטול עצמי פאר'ן אויבערשטער.

ה' וּפָצְתָה הָאֲדָמָה אֶת פִּיהָ וּבָלְעָה אֹתָם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָהֶם וְיָרְדוּ חַיִּים שְׁאֹלָה', דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דָא אַנְדֶערְשׁ?

**עֶנְטְפֶערְט** דֶער בֶּעלְזֶער רָב, אַז דָאס וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אִיז גֶעוֶוען, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוואוּסְט אַז אַנְדֶערְשׁ וֶועט דִי וֶועלְט נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קַיין קִיּוּם, וַוייל אַ וֶועלְט מִיט מַחְלוֹקוֹת אִיז נִישְׁט קַיין וֶועלְט!! אוּן דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן אַרַיין פַאלְן אִין דִי עֶרְד, אִיז גֶעוֶוען טַאקֶע וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן הָשי"ת, עֶר זָאל בַּאשַׁאפְן פַאר זֵיי אַ עֶקְסְטֶערֶע בְּרִיאָה פַאר אַ עוֹנֶשׁ, כְּדֵי זֵיי זָאלְן הָאבְּן צַייט צוּ תְּשׁוּבָה טוּהְן אַפִילוּ בִּיז דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, אוּן וִויבַּאלְד מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אַז קֹרַח זָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן, הָאט עֶר גֶעהָאפְט אַז וֶוען קֹרַח וֶועט זֶעהְן אַז עֶר גְלִיטְשְׁט שׁוֹין אַרַיין טִיף אִין גְרוּבּ וֶועט עֶר תְּשׁוּבָה טוּהְן! אוּן מְ'זֶעהְט אַז דִי קִינְדֶער פוּן קֹרַח הָאבְּן טַאקֶע אִין טִיפְן גְרוּבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן!! אוּן אוֹיס גֶעשְׁרִיגְן – 'מֹשֶׁה אֱמֶת וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת' – אוּן זֵייעֶר תְּשׁוּבָה אִיז טַאקֶע נִתְקַבֵּל גֶעוָוארְן אִין הִימְל – אוּן סְ'אִיז דָא פוּן זֵיי אַ פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וִוי סְ'שְׁטֵייט (תהלים מב, א) 'לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח', אוּן נָאךְ, אוּן קָאפִּיטְל מ"ז 'לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר' זָאגְט מֶען טַאקֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי תְּקִיעוֹת, **כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז אַפִילוּ אוֹיבּ אַ יִיד הָאט נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן חוֹדֶשׁ תַּמּוּז אוּן אָב אוּן אֱלוּל, אוּן עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי תְּקִיעוֹת, קֶען עֶר נָאךְ יֶעצְט אִין אֵיין רֶגַע מִיט אֵיין אֶמֶת'ע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוֹיףְ תְּשׁוּבָה טוּהְן**, אוּן וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר מְאוֹר עֵינַיִם (לִקּוּטִים) אַז אַ יִיד מוּז גְלֵייבְּן אַז אִין אַ כְּהֶרֶף עַיִן קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּהְן,[ט] אוּן דָאס זֶעהן מִיר בַּיי דִי בְּנֵי קֹרַח אַז אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אִין טִיפְן גְרוּבּ הָאבְּן זֵיי נָאךְ אָנְגֶעיָאגְט צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אִין אֵיין רֶגַע, מִמֵּילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן תְּשׁוּבָה, וַוייל מְ'אִיז נִישְׁט עֶרְגֶער וִוי דִי קִינְדֶער פוּן קֹרַח! אוּן אוֹיבּ פַאר דִי קִינְדֶער פוּן קֹרַח אִיז גֶעוָוארְן נִתְבַּצֵר מָקוֹם לְמַעְלָה, אַזוֹי קֶען יֶעדֶער תְּשׁוּבָה טוּהְן[י].

**ט.** די לשון פון מאור עיניים איז והנה העולם הוא בזמן, אבל קודם העולם לא היה בחינת זמן כלל, לכן אין זמן בתיקון התשובה אלא כרגע כיון שבא למעלה מזמניות, ולכן כהרף עין מתקן הכל, ואין צריך שהיות זמן, **ומי שידמה בדעתו שתשובה תלויה בזמן אין זו תשובה שלימה**, שצריך שיאמין באמונה שבלי זמן יתוקן הכל, וזה שאמרו רבותינו זכרונם לברכה (אבות פ"א מי"ד) ואם לא עכשיו אימתי, הכוונה אם יעלה בדעתך שלא תוכל לתקן עכשיו, מפני שהרהור אינו מועיל, כי אם צריך זמן רב לתקן מה שעיוות, אם כן אימתי תתקן כי לעולם לא יתקן אף אם ישוב כחול הים שאין זו תשובה כלל, כיון שאינו מאמין שהתשובה היא למעלה מן הזמן שברגע יתוקן הכל.

**י.** מיין ראש ישיבה הרב קאפלמאן פלעגט זאגן אז ביי קרח שטייט אז אלעס איז אריין געפאלן און ס'איז נישט געבליבן אפילו קיין נאדל! פון קרח, וואס איז נישט געפאלן אין גרוב, ווייל

### בִּזְכוּת חַנָּה מִיט שְׁמוּאֵל הָאט קֹרַח אוֹיפְגֶעהֶערְט זִינְקֶען טִיפֶער אִין עֶרְד

**אִין** יְרוּשַׁלְמִי (סנהדרין פ"י ה"ד) שְׁטֵייט אַז קֹרַח צוּלִיב זַיין מַחֲלֹקֶת מִיט מֹשֶׁה, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זִינְקֶען אִין עֶרְד, אוּן 400 יָאהְר הָאט עֶר גֶעזִינְקֶען טִיפֶער אוּן טִיפֶער אִין עֶרְד אִין גֵיהִנֹּם! בִּיז ס'אִיז גֶעקוּמֶען חַנָּה דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, אוּן בִּזְכוּת חַנָּה הָאט עֶר אוֹיף גֶעהֶערְט צוּ זִינְקֶען, וַוייל חַנָּה הָאט גֶעזוּנְגֶען דִי שִׁירָה, שִׁירַת חַנָּה [ס'אִיז אֵיינֶע פוּן 10 שִׁירוֹת וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֵייט צוּלִיב דִי שִׁירוֹת, ס'אִיז עַמּוּדֵי עוֹלָם], אוּן בַּיי דִי שִׁירָה הָאט חַנָּה גֶעזָאגְט – **'מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל'** – דֶעמָאלְטְס הָאט קֹרַח אוֹיף גֶעהֶערְט צוּ זִינְקֶען אִין עֶרְד, אוּן קֹרַח אִיז אַרוֹיף גֶעקוּמֶען הֶעכֶער, וַוייל דֶער חֵטְא פוּן קֹרַח אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיך גֶעקְרִיגְט מִיט מֹשֶׁה, אוּן נִישְׁט מְוַתֵּר גֶעוֶוען, אוּן ס'שְׁטֵייט (קהלת י, ד) **אִם רוּחַ הַמּוֹשֵׁל תַּעֲלֶה עָלֶיךָ מְקוֹמְךָ אַל תַּנַּח כִּי מַרְפֵּא יַנִּיחַ חֲטָאִים גְּדוֹלִים וַאֲפִילוּ יִקְרָאוּךָ בִּמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ,** מ'זָאל נִישְׁט נֶעמֶען אַלֵיין קַיין שׁוּם מַלְכוּת, וַוייל אוֹיב ס'בַּאשֶׁערְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, וֶועט שׁוֹין דֶער בַּאשֶׁעפֶּר זָארְגְן דוּ זָאלְסְט דָאס בַּאקוּמֶען, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶּער וֶועט דִיר רוּפְן נֶעמֶען דֶעם מַלְכוּת, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער טָעוּת פוּן קֹרַח, אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַלֵיין נֶעמֶען דִי מְלוּכָה, אוּן דָאס הָאט חַנָּה מְתַקֵּן גֶעוֶוען פַאר קֹרַח, וַוייל אִין קֹרַח הָאט גֶעפֶעלְט כֹּחַ הַבִּיטוּל פַאר השי"ת, אוּן וֶוען חַנָּה הָאט גֶעהַאט שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, אוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא הָאט מוֹשֵׁחַ גֶעוֶוען פַאר שָׁאוּל אוּן פַאר דָּוִד, אוּן בַּיי שָׁאוּל שְׁטֵייט טַאקֶע (שמואל א יג, יד) וְעַתָּה מַמְלַכְתְּךָ לֹא תָקוּם בִּקֵּשׁ ה' לוֹ אִישׁ כִּלְבָבוֹ וַיְצַוֵּהוּ ה' לְנָגִיד עַל עַמּוֹ כִּי לֹא שָׁמַרְתָּ אֵת אֲשֶׁר צִוְּךָ ה', אַז וֶועגְן שָׁאוּל הָאט נִישְׁט גֶעוַוארְט אוֹיף שְׁמוּאֵל וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט אִיהם בַּאפוֹילְן, הָאט עֶר פַארְלוֹירְן דִי מְלוּכָה, אָבֶער דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט בִּיטוּל צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, אַזוֹי וִוי ס'שְׁטֵייט, (פסיקתא פיסקא ח) **בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הָיָה עוֹמֵד בְּעֵמֶק רְפָאִים אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַל תַּעֲלֶה אֶלָּא מֵאַחֲרֵיהֶם וְאֵין לְךָ רְשׁוּת לִפְשׁוֹט יָד בָּהֶם אֲפִילוּ קוֹרְבִים לְךָ עַד שֶׁתִּרְאֶה רָאשֵׁי הַבְּכָאִים מְנַעְנְעִים כְּמָה שֶׁכָּתוּב וַיּוֹסִיפוּ פְלִשְׁתִּים וַיֵּחָנוּ בְּעֵמֶק רְפָאִים וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּה' וַיֹּאמֶר לוֹ וְגוֹ' מִמּוּל הַבְּכָאִים** (שמואל ב' ה, כב-ג)**, וְלָמָּה נָתַן לוֹ סִימָן לְהֵרָאוֹת מֵרָאשֵׁיהֶם וְלֹא מֵאֲחוֹרֵיהֶם, אָמַר רַבִּי בְּרֶכְיָה בֵּי רַבִּי שֶׁכּוּלָּם מְלֵאִים קוֹצִים מֵרָאשֵׁיהֶם, כְּלוֹמַר הוֹאִיל שֶׁאַתֶּם בְּצָרָה אַף אֲנִי עִמָּכֶם יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה** (תהלים צא, טו)**, וַיְהִי בְּשָׁמְעֲךָ אֶת קוֹל הַצְּעָדָה בְּרָאשֵׁי הַבְּכָאִים אָז תֶּחֱרָץ** (שמואל ב' ה, כד) **דָּבָר חִתּוּךְ**

---

אויב ס'וואלט געבליבן איין נאדל וואס איז נישט אריין געפאלן, וואלט קרח נישט געקענט אריין פאלן אין גרוב, ווי ס'שטייט אין גמרא (בבא מציעא כד.) אז ס'איז דא א מצוה פון השבת אבידה אפילו אויף א נאדל! און דורך די מצוה וואלט קרח געדארפט ארויס גיין פון גרוב כדי מ'זאל קענען מיט איהם מקיים זיין די מצוה דעריבער האט גאר נישט געטארט בלייבן איבער די ערד און אלעס איז איינגעזונקען טיף אין ערד, ס'זאל נישט בלייבן קיין זכותים און סיבות פארוואס קרח זאל ארויף גיין פון ערד, אזוי הארב איז דער זינד פון מחלוקת!

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (איוב יד, ה) **אִם חֲרוּצִים יָמָיו וגו', כֵּיוָן שֶׁיָּצָא הָיוּ הַפְּלִשְׁתִּים קְרוֹבִים וּבָאִים וְיִשְׂרָאֵל רוֹאִים אוֹתָם שֶׁלֹּא הָיוּ רְחוֹקִים מֵהֶם אֶלָּא ד' אַמּוֹת, אָמְרוּ לוֹ יִשְׂרָאֵל דָּוִד מָה אָנוּ עוֹמְדִים, אָמַר לָהֶם מְצֻוֶּה אֲנִי מִן הָאֱלֹקִים שֶׁלֹּא לִפְשׁוֹט עַד שֶׁאֶרְאֶה רָאשֵׁי אִילָנוֹת מְנַעְנְעִים, אָמַר לָהֶם אִם פּוֹשְׁטִים אָנוּ יָד בָּהֶם אָנוּ מֵתִים וְאִם אֵין אָנוּ פּוֹשְׁטִים יָד בָּהֶם אָנוּ מֵתִים, מוּטָב לָנוּ נָמוּת צַדִּיקִים וְלֹא נָמוּת רְשָׁעִים, אָמַר לָהֶם אֲנִי וְאַתֶּם נִתְלֶה עֵינֵינוּ בְּהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מִיַּד כֵּיוָן שֶׁתָּלוּ עֵינֵיהֶם מִיַּד נִעַנְעֲנוּ הָאִילָנוֹת וּמִיַּד פָּשְׁטוּ יָד כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שמואל ב' ה, כה) **וַיַּעַשׂ דָּוִד כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֱלֹהִים וְגוֹ', אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת רְאוּ מַה בֵּין דָּוִד לְשָׁאוּל מִי גָּרַם לְדָוִד לְהִינָּצֵל הוּא וְיִשְׂרָאֵל הַדִּיבֵּר שֶׁהֵאִיר לָהֶם נֵר לְרַגְלִי דְּבָרֶיךָ** (תהילים קיט, קה). דָּוִד הָאט גֶעפְרֶעגְט וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּה' צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט פְּלִישְׁתִּים, אוּן דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶר זָאל גֵיין, אָבֶּער גָארְנִישְׁט טוּן, אוּן וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט הֶערְן דִי מַלְאָכִים מְטַיְּילִים, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דִי פְּלִישְׁתִּים זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען נָאנְט פִיהר אַמּוֹת, אוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעוַוארְט צוּ קְרִיגְן רְשׁוּת מִמַּעַל, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, **ס'אִיז אִיהְם בֶּעסֶער צוּ שְׁטַארְבְּן אִין מִלְחָמָה**, אוּן נִישְׁט גֵיין אָהְן רְשׁוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר נָאךְ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין השי"ת, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן טַאקֶע מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען דִי פְּלִשְׁתִּים, אוּן דָאס אִיז וָואס ס'שְׁטֵייט כֵּיוָן שֶׁתָּלוּ עֵינֵיהֶם כְּלַפֵּי מַעְלָה נַעֲנוּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ בַּאקוּמֶען דִי מְלוּכָה, אַלֶעס וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיטוּל פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער! אוּן שְׁמוּאֵל הָאט גֶעהַאט אוֹיךְ דֶער בִּיטוּל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס שְׁמוּאֵל דֶער אֵיינִיקְל פוּן קֹרַח הָאט גֶעהַאט בִּיטוּל צוּ השי"ת, הָאט עֶר מְתַקֵּן גֶעוֶוען דֶער חֵטְא פוּן קֹרַח אוּן אַזוֹי אִיז קֹרַח אַרוֹיף הֶעכֶער.

### אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵימוּת

**ס'אִיז** דָא אַ וָוארְט פוּן ר' מֵאִיר אַרִיק, **"וְאַהֲרֹן מַה הוּא כִּי תַלִּינוּ עָלָיו"** (במדבר טז, יא) ס'שְׁטֵייט אִין גְמָרָא (עירובין סה:) **אָמַר רַבִּי אִילְעָאִי בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אָדָם נִיכָּר בְּכוֹסוֹ וּבְכִיסוֹ וּבְכַעֲסוֹ**, אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִיכָּר אִין דִי דְרֵיי זַאכְן, - כִּיסוֹ - מֵיינְט וֶוען ס'קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן - כּוֹסוֹ - מֵיינְט בַּיים טְרִינְקֶען, - כַּעֲסוֹ - מֵיינְט וֶוען מְ'רֶעגְט אִיהְם אוֹיף, אוּן דִי דְרֵיי זַאכְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָּךְ בַּיי אַהֲרֹן - **כִּיסוֹ** - דִי יִידְן אִין מִדְבָּר זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען עֲשִׁירִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט מָן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט גֶעלְט, - **כּוֹסוֹ** - אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעטָארְט טְרִינְקֶען וַויין, **בְּכַעְסוֹ**[יא]. - אַהֲרֹן אִיז דָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אִין כַּעַס, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם (אבות פ"א, מי"ב), דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט 'וְאַהֲרֹן מַה הוּא כִּי תַלִּינוּ עָלָיו' (במדבר טז, יא), עֶס הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן בַּיי אַהֲרֹן אַ שְׁוַואכֶע

---

**יא.** אויף די הארבקייט פון כעס שטייט אין ספר תנא דבי אליהו פון אליהו הנביא, אין הקדוש ברוך הוא נותן התורה למי שהוא קפדן אף אני זאגט אליהו הנביא איני נגלה למי שהוא קפדן!

מִינוּט אַז אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ טַעֲנָה.

**דֶער** אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפֶען מְ'זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אֵלִיָּהוּ בָּא לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם (עדויות פ"ח, מ"ז) שֶׁנֶּאֱמַר (מלאכי ג, כג) **הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא וְגוֹ' וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם: וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים גְּדוֹלִים אָמֵן.**

**מ'זאגט** א ווערטל, אז אויף משה רבינו שטייט אז ער איז געווען די גרעסטע עניו איבער די ערד, אויב אזוי אז קרח האט זיך געהאלטן א גרעסערע עניו ווי משה האט ער געמוזט פאלן אונטער די ערד!

**ס'שטייט** אין רמ"ע מפאנו אז מיר האבן נישט קיין השגה אין די גרויסקייט און חשיבות פון קרח, און ווייל קרח איז געווען א גרויסער מענטש שטייט אין זוהר הקדוש אז קרח האט געהאט א טענה, וואס איז שייך צו זיין נשמה, פארוואס נאר אהרן איז ראוי לכהונה ער איז אויך ראוי לכהונה!

**אין** ספר דעת זקנים על התורה (פון בעלי התוספות) שטייט גדול שבכולם נופל בכולם, ווי גרעסער מ'איז דארף מען מער אכטונג געבן נישט מאכן קיין מחלוקת, ווי מ'זעט ביי קרח אז ער איז געווען אזוי גרויס, און ווייל ער האט זיך געקריגט איז ער געפאלן גאר טיף.

**ס'איז** באוויסט א עובדא מיט'ן חזון איש, ס'איז געקומען אמאל צו איהם איינער וואס האט געהאט א פראבלעם מיט גיין אין מיליטער, און כדי ער זאל נישט האבן קיין פראבלעם מיט'ן מיליטער איז ער געווארן א רב אין א שוהל אין א שטעטל אין ארץ ישראל, און גלייך וואס ער האט באקומען די שטעלע איז געקומען דער רב פון דארטן, און געזאגט צו איהם, אז ס'שטערט איהם דאס וואס ער איז רב, זאגט ער איהם ער נעמט איהם גארנישט צו, ער מאכט דאס טיטל רב נאר כדי זיך צו פטר'ן פון מיליטער, האט איהם דער רב געזאגט מיט אלעס ס'שטערט איהם, האט ער איהם געזאגט אויב אזוי גיי איך פרעגן דער חזון איש וואס ער זאגט אויף דעם, און ווען ער איז געקומען צום חזון איש, האט דער חזון איש גלייך געזאגט דעם יידן פון מחלוקת אנטלויף גלייך, פרעגט

ער דעם חזון איש אבער וואס זאל איך טוהן מיט'ן מיליטער, האט דער חזון איש געענטפערט דער אויבערשטער וועט דיר זיכער העלפן אויף דעם, אבער פון מחלוקת אנטלויף, און אזוי האט ער געטוהן, און גלייך האט דער ייד אפגעלאזט אלעס, און די יידן דארטן האבן זיך שטארק איינגעבעטן און געוויינט ער זאל בלייבן, האט ער זיי געזאגט אז דער חזון איש האט געזאגט נישט זיין אין קיין מחלוקת, און גלייך האט דער ייד געטראפן אין א צווייטע שטאט א שטעלע צו זיין רב און גלייך געקראגן א פטור פון מיליטער, און ס'איז אריבער א פאר יאהר און דער ערשטער רב אין שטעטל האט געמוזט פארן קיין אמריקה, און געמוזט אפלאזן די שטעלע אין שטעטל, פארשטייט זיך אז גלייך איז מען געקומען צום רב און איהם געבעטן צוריק קומען! ד.מ. אין אדם שומע לי ומפסיד צו לערנען אז פון אנטלויפן פון מחלוקת פארדינט מען נאר, און אויך דער ייד האט נאר פארדינט!

**דער** בריסקער רב ברענגט אראפ א מעשה פון א בעל עגלה, אז אין בריסק איז געווען אנגענומען אז איינער וואס וויל זיין א בעל עגלה מוז בעטן רשות פון דעם ערשטן בעל עגלה, און דער ערשטער בעל עגלה האט איהם פארהערט צו זעהן אויב ער פאסט צו די פאך, איינמאל איז געווען אזא מעשה, און די ערשטע שאלה וואס ער האט אים געפרעגט איז געווען וואס טוהט מען ווען דער אייזל מיט'ן וואגן פאלן אריין טיף אין בלאטע? ענטפערט איהם דער בעל עגלה איך נעם אראפ די זאכן פון וואגן, פרעגט ער איהם און אויב ס'העלפט נישט, ענטפערט ער בעט איך מענטשן זאלן מיר העלפן, און אויב ס'העלפט נישט, ענטפערט ער לייג איך צו א דריטן אייזל, און מיט אלעס אויב ס'העלפט נישט, זאגט ער דא ווייס איך נישט! זאגט ער איהם אויב אזוי קענסטו נישט זיין א בעל עגלה אין בריסק! פרעגט ער און וואס טוהט איהר ביי אזא מצב! ענטפערט איהם דער בעל עגלה, איך גיב אכטונג לכתחילה נישט אריין גיין אין בלאטע! ווייל נאכ'ן אריין פאלן אין בלאטע איז טאקע גאר גאר שווער צו ארויס גיין! אויף דעם זאגט דער בריסקער מחלוקת איז אזוי ווי בלאטע אויב מ'קריכט אריין קען מען שוין נישט ארויס גיין אזוי גרינג, דעריבער דארף מען אכטונג געבן נישט אריין גיין אין בלאטע, אין מחלוקת.